# איך בין אַ ייִד

דער ווײַן פֿון דורותדיקן דויער
האָט מיך געשטאַרקט אין וואַנדערוועג,
די בייזע שווערד פֿון פּײַן און טרויער
האָט ניט פֿאַרניכטעט מײַן פֿאַרמעג —
מײַן פֿאָלק, מײַן גלויבן און מײַן בלויִע,
זי האָט מײַן פֿרײַהייט ניט געשמידט.
פֿון אונטער שווערד האָב איך געשריִען:
איך בין אַ ייִד!

ניט פּרעהס שלעק, ניט טיטוס, המן
האָבן צעברעכן אים געקענט,
מײַן שטאָלץ געמיט. עס טראָגט מײַן נאָמען
די אייביקייט אויף אירע הענט.
מײַן שווונג איז קלענער ניט געוואָרן
אויף שוואַרצע שײַטערס פֿון מאַדריד,
עס שאַלט מײַן רום דורך צײַט און יאָרן:
איך בין אַ ייִד!

ווען ס'האָט דער מצרי אײַנגעמויערט
מײַן לײַב אין ווענט, האָט וויי געטון
און כ'האָב פֿאַרזייט מיט וויי די רויערד
און אויפֿגעגאַנגען איז אַ זון.
אונטער דער זון האָט זיך צעצויגן
אַ וועג מיט בודיקעם באַשיט,
זיי פֿלעגן שטעכן מיר די אויגן —
איך בין אַ ייִד!

די פֿערציק יאָר פֿון אוראַלט־לעבן,
וואָס כ'האָב געקרענקט אין מידבר־זאַמד,
האָבן מײַן עלטער מוט געגעבן,





בר־כּוכבאס רוף האָט אויפֿגעפֿלאַמט
אויף יעדער קער פֿון מײַנע לײדן
און מער פֿון גאָלד האָב איך פֿאַרהיט
די אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון מײַן זיידן —
איך בין אַ ייִד!

וואָס דאַרף איך גאָלד? כ'האָב עס געקליבן,
ווען כ'האָב קיין ווינקל ניט געהאַט,
מײַן גײַסט מײַן הויכן און מײַן טריבן
האָט עס געקענט דען מאַכן זאַט?
שמשון הגיבורס האָר, וואָס דלילה
האָט אָפּגערויבט, האָבן געגליט,
געזעטיקט מער ווי רענדלעך קילע, —
איך בין אַ ייִד!

דער קלוגער קנייטש פֿון ר' עקיבֿא,
די חכמה פֿון ישעיהס וואָרט
האָבן גענערט מײַן דאָרשט — מײַן ליבע
און זי מיט האַס צונויפֿגעפּאָרט;
דער שווונג פֿון מאַקאַבייער העלדן
אין מורדים־בלוט אין מײַנעם זידט,
פֿון אַלע שײַטערס פֿלעג איך מעלדן:
איך בין אַ ייִד!

ס'האָט אונדזער שלמהס ווונדער־שׂכל
אין וואַנדערוועג מיך ניט פֿאַרלאָזט
און הענריך הײַנעס קרומער שמייכל
האָט אויך גענוג מיר בלוט געקאָסט.
איך הער הלויס ווונדער־קלאַנגען
יאָרהונדערטער און ווער ניט מיד,
כ'האָב אָפּט געוועלקט, נאָר ניט פֿאַרגאַנגען —
איך בין אַ ייִד!

דער רויש פֿון מאַרקן אַמסטערדאַמער
האָט מײַן שפּינאָזען ניט געשטערט
אַליין די רוימען מאַכן גראַמער;
די זון פֿון מאַרקסן אויף דער ערד
האָט אָפּגעפֿרישט מיט רויטקייט נײַער
מײַן אוראַלט בלוט און מײַן געמיט
און מײַן ניט וועלקנדיקן פֿײַער —
איך בין אַ ייִד!

אין מײַנע אויגן איז פֿאַראַנען
די שײַן, די שטילקייט און דער דראַנג
פֿון זונפֿאַרגאַנג בײַ לעוויטאַנען,
פֿון מענדעלעס געבענטשטן גאַנג,
די שאַרף פֿון רוסישע באַגנעטן,
דער בלענד פֿון קאָרן אינעם שניט,
איך בין אַ זון פֿון די סאָוועטן,
איך בין אַ ייִד!

דאָס ווידערקול פֿון חיפֿהער האַפֿן
הילכט אָפּ, ווען ס'טוט אַ קלונג מײַן קול,
די אומבאַמערקטע טעלעגראַפֿן
דערטראָגן מיר דורך ים און טאָל
דעם שלאָג פֿון האַרץ אין בוענאָס-איירעס
און פֿון ניו-יאָרק אַ ייִדיש ליד,
דעם שוידער פֿון בערלינער גזירות, —
איך בין אַ ייִד!

איך בין אַ ייִד, וואָס האָט געטרונקען
פֿון סטאַלינישן כּוס פֿון גליק,
ווער ס'וויל, אַז מאָסקווע זאָל פֿאַרזינקען,
די ערד פֿאַרקערעווען צוריק,
דעם זאָג איך: לאַ! דעם שרײַ איך: נידער!





כ'גיי מיט די מיזרח-פֿעלקער מיט,
די סלאַוון זײַנען מײַנע ברידער, —
איך בין אַ ייִד!

מײַן רום — אַ שיף אויף בייזע שטראָמען,
מײַן בלוט די אייביקייט באַשײַנט,
מײַן שטאָלץ איז יעקבֿ סווערדלאָווס נאָמען
און קאַהאַנאָוויטש — סטאַלינס פֿרײַנד.
מײַן יוגנט טראָגט זיך איבער שנייען,
מײַן האַרץ איז פֿול מיט דינאַמיט,
מײַן מזל פֿלאַטערט אין טראַנשייען,
איך בין אַ ייִד!

כ'בין ניט אַליין! עס וואַקסט מײַן גבֿורה,
די שלאַכט איז הײַנט מײַן ערלעך ברויט,
איך ליוב דעם פֿלאַם, איך הייב דעם שטורעם,
וואָס טראָגט די ברוינע פֿײַנט אַ טויט,
מײַן קראַפֿט איז מער ניט הינטערשטעליק,
עס שרײַט פֿון דר'ערד אַרויס און בריט
דאָס בלוט פֿאַפֿערניקס און גאָרעליקס:
איך בין אַ ייִד!

און אויף צעפּיקעניש די שונאים,
וואָס גרייטן קבֿרים שוין פֿאַר מיר,
ווער איך אונטער די רויטע פֿאָנען
נאָך האָבן נחת אָן אַ שיעור.
כ'וועל מײַנע ווײַנגערטנער פֿאַרפֿלאַנצן
און פֿון מײַן גורל זײַן דער שמיד,
כ'וועל נאָך אויף היטלערס קבֿר טאַנצן!
איך בין אַ ייִד!